**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט CONNECTALL אפיס קומט אן צו באדייטנדע עררייכונג מיט 7 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע גרענטס**

***פינאנצירונג ערמעגליכט אנהויב פון ברייט-פארצווייגטע אינטערנעט סערוויס און דיגיטאלע גלייכקייט פלאנירונג און מיטארבעט מיט פארשידענע פארטייען צו שטיצן באמיאונגען צו אנפילן די דיגיטאלע מאנגלען***

***גרענטס זענען ערשטע טריט אויפן וועג פון ניו יארק צו באקומען פולשטענדיגע אינטערנעט פינאנצירונג פון פעדעראלע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס ConnectAll ('פארבינדט יעדן') אפיס איז געשאנקען געווארן 7.2 מיליאן דאלאר דורך די פאראייניגטע שטאטן קאמערץ דעפארטמענט'ס 'אינטערנעט סערוויס גלייכקייט, צוטריט און באנוץ' ( Broadband Equity, Access, and Deployment) און דער דיגיטאלע גלייכקייט געזעץ (Digital Equity Act) פראגראמען. אין לויף פון די קומענדיגע חושים וועט ConnectAll נוצן די געלטער צו ארבעטן מיט ניו יארקער אריבער די סטעיט צו אהערשטעלן ברייטע אינטערנעט סערוויס באנוץ און דיגיטאלע גלייכקייט פלענער איבערן סטעיט. די פלענער וועלן זיין די מאפע פאר די סטעיט'ס אויסנוצונג פון די 'אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ' (Infrastructure Investment and Jobs Act, IIJA) געלטער צו עלימינירן ניו יארק סטעיט'ס בלייבנדע דיגיטאלע מאנגלען.

"צוטריט צו אפאָרדעבעל און פארלעסליכע אינטערנעט איז מער נישט א לוקסוס, עס איז היינט א געברויך צו קענען פארבינדן מענטשן מיט ארבעט, בילדונג און וויכטיגע רעגירונג סערוויסעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער פון די ביידן-העריס אדמיניסטראציע וועלן העלפן האלטן ניו יארקער פארבינדן און בויען אונזער דיגיטאלע אינפראסטרוקטור פאר די 21'סטע יאר-הונדערט עקאנאמיע. איך וויל באדאנקען אונזערע פילע פעדעראלע שותפים פארן מאכן די אינוועסטירונג אין אונזער סטעיט, און איך קוק ארויס צו פארזעצן די שותפות צו פארברייטערן דיגיטאלע גלייכקייט און צו זיכער מאכן אז שנעלע אינטערנעט סערוויס איז דא צו באקומען פאר יעדן."

**סעקרעטערי אָוו קאמערס, דזשינ רעימאַנדאָו, האט געזאגט,** "אינציאטיוון צו ברענגען אינטענעט פאר יעדן וועלן פארמערן די מעגליכקייט פון מענטשן זיך צו ערלויבן אינטערנעט סערוויס מיט די ציהל פון צושטעלן פאר ניו יארקער גלייכע אינטערנעט צוטריט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר ארבעט מיטן פארברייטערן אינטערנעט צוטריט צו אדרעסירן די באדערפענישן פון קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט גענוג אדער בכלל נישט קיין סערוויס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו באקומען די קריטישע גרענטס פון די סטעיט רעגירונג צו פאראויס גיין מיט

גאווערנער האקול'ס ConnectAll אגענדע. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין יעדע ראיאן פון די סטעיט צו מאכן פארשריט אויף א פלאן איבער די גאנצע סטעיט און עפענען די פעדעראלע געלטער צו שטיצן קריטישע אינטערנעט סערוויס פראגראמען."

די 1.1 ביליאן דאלארדיגע ConnectAll אינציאטיוו וואס איז אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול אין איר 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אין יאנואר איז ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע אינוועסטירונג אין אינטערנעט סערוויס, מיט די ציהל צו מאכן א מהפכה אין די סטעיט'ס דיגיטאלע אינפראסטרוקטור צו פארבינדן אלע ניו יארקער דורך די אינטערנעט. דורך אינוועסטירונגען אין זאמלונג פון ציפערן און ארבעטן אויף מאפעס, געציהלטע גרענט פראגראמען, פארבעסערונגען צו פּאליסיס איבערן ארויפברענגען אינפראסטרוקטור צום באנוץ און מיטארבעט מיט פארשידענע פארמישטע פארטייען, וועט ConnectAll העלפן ניו יארקער באקומען צוטריט צו בעסערע אינטערנעט סערוויס און צו די ברייטערע עקאנאמישע, חינוך'דיגע, בילדונג, געזונטהייט און בירגערליכע מיטארבעט געלעגנהייטן וואס עס ברענגט.

די היינטיגע פינאנצירונג גרענטס רעכענען אריין 5 מיליאן דאלאר פון דעם BEAD פראגראם און 2.2 מיליאן דאלאר פון די 'סטעיט דיגיטאלע גלייכקייט פלאנירונג גרענט' פראגראם ( State Digital Equity Planning Grant);ביידע פעדעראלע פראגראמען ווערן פארטיילט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון קאמערס'ס נאציאנאלע טעלעקאמיוניקאציע און אינפארמאציע אדמיניסטראציע (National Telecommunications and Information Administration). די ConnectAll אפיס אין עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט וועט נוצן די געלטער פון ביידע גרענט פראגראמען צו שטיצן א ברייט-פארצווייגטע פלאנירונג און באמיאונגען צו ארבעטן מיט פארמישטע פארטייען — א זאך וואס וועט גיבן אינפארמאציע פאר די סטעיט'ס צוגאנג צו נאכפאלגנדע גרענט געלטער וועלכע וועלן געגעבן ווערן פון די איבער 45 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וועלכע זענען אריינגעגלייגט געווארן פאר אינטערנעט סערוויס און דיגיטאלע גלייכקייט אין די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ. ניו יארק סטעיט האט צוזאמגעפארט די פלאנירונג פראצעדור מיט די איינפירונג פון די פלענער, סיי פאר BEAD און סיי פאר די דיגיטאלע גלייכקייט פראגראמען אונטער ConnectAll צו פארזיכערן א קאארדינירטע און אריינגעבויטע צוגאנג וואס וועט אדרעסירן די פולשטענדיגע ספעקטרום פון שטרויכלונגען צו באקומען אינטערנעט סערוויס צוטריט און באנוץ וואס שטייען יעצט אין וועג פון ניו יארקער.

ConnectAll'ס צוזאמענארבעט באמיאונגען וועלן אריינרעכענען ברייטע מיטארבעט מיט א פארשידנארטיגע רייע פון פארטייען וועלכע זענען פארמישט ארום די סטעיט, אריינרעכענענדיג ערוויילטע בעאמטע; לאקאלע, ראיאנישע און שבטים רעגירונגען; מיטגלידער פון די פובליק; אינטערנעט סערוויס פּראָוויידערס; קאמיוניטי אנקער אינסטיטוציעס; נאָן-פּראַפּיט און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס; ציווילע רעכטן ארגאניזאציעס; לעיבאר ארגאניזאציעס און יוניאנס; ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ארגאניזאציעס; לייברעריס; חינוך אינסטיטוציעס; עקאנאמישע אנטוויקלונג ארגאניזאציעס; לאקאלע ביזנעסער און טשעימבערס אָוו קאמערס; און פיל מער. ConnectAll וועט ארבעטן מיט די שותפים ארום די סטעיט צו אידענטיפיצירן שוועריגקייטן, פריאריטעטן און געלעגנהייטן ביים ארויפברענגען אינטערנעט סערוויס צום באנוץ און ביים אנקומען צו אינטערנעט גלייכקייט; אויסנוצן זייער מבינות צו קלוגער מאכן די סטעיט'ס צוגאנג; זיכער מאכן אז די סטעיט'ס פלענער זענען איינשטימיג מיט באמיאונגען וועלכע זענען שוין אונטערוועגנס; און מאקסימיזירן די עקאנאמישע אנטוויקלונג, דזשאב שאפונג, בילדונג און געזונטהייט השפעות פון פלאנירטע אינטערנעט סערוויס אינוועסטירונגען. די סטעיט ערווארט צו אנהויבן אנאנסירן אירע עפענטליכע געשעענישן אין יאנואר פון 2023 צו ארבעטן מיט די פארמישטע פארטייען.

ConnectAll וועט אויך אויסנוצן די געשאנקענע גרענטס צו אויפנעמען די סטעיט'ס ערשטע דירעקטאר פון דיגיטאלע גלייכקייט און נאך פאזיציעס פאר איינגעשטעלטע, און אזוי אויך אויפשטעלן צוויי

פעלאָושיפּס אין די ניו יארק סטעיט לייבערערי צו שטיצן דיגיטאלע גלייכקייט פלאנירונג און קאארדינאציע. די סטעיט וועט אויך אויפשטעלן א דיגיטאלע גלייכקייט אינטער-אגענטורישע איינהייט צו צוזאמברענגען סטעיט אגענטורן וועלכע גיבן אויפזיכט איבער סערוויס דעליווערי צו וויכטיגע באפעלקערונגען, אריינרעכענענדיג די NYS עדזשוקעישען דעפארטמענט, קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס (Council on Children and Families), דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס, דעפארטמענט פון פאמיליע הילף (Department of Family Assistance), דעפארטמענט פון פינאנציעלע הילף (Department of Financial Assistance), דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס, העלט דעפארטמענט, לעיבאר דעפארטמענט, דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service), סטעיט דעפארטמענט, אנטוויקלונג דיסאביליטיס פלאנירונג קאונסיל (Developmental Disabilities Planning Council), NYS היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal), אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities), אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging), אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Child and Family Services), אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי אינשורענס (Office of Temporary and Disability Insurance), און אנדערע.

ConnectAll וועט אויך צוזאמברענגען אן אינטערנעט סערוויס צוטריט אדווייזארי קאמיטע צו גיבן ייעוץ איבער אינטערנעט סערוויס און דיגיטאלע גלייכקייט פלאנירונג און איינפירונג איבערן סטעיט; מיטגלידער וועלן אריינרעכענען פארשטייער פון וויכטיגע סטעיט אינפראסטרוקטור אגענטורן, פריוואטע-סעקטאר טעלעקאמיוניקאציעס אפעראטארן, א פארטרעטער פון ארגאניזירטע לעיבאר און אן עקספערט אין שבטים אנגעלעגנהייטן.

די היינטיגע אנאנסן קומען נאך עטליכע לעצטיגע ConnectAll עררייכונגען, אריינרעכענענדיג:

- **אנהויב ארבעט אויף א 10 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור קאנסטרוקציע איניציאטיוו:** ConnectAll און די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority) ארבעטן צו ברענגען ביליגע אינטערנעט סערוויס צו פלעצער ארויס פון שטאט אין טשענענגאָו, טייאָוגע, סעינט לאורענס און לואיס קאונטיס.
- **ענפען די אינטערנעט סערוויס אפשאצונג פראגראם און לעבעדיגע אינטערנעט סערוויס מאפע:** ConnectAll באנוצט זיך מיט סטעיט רעסארסן, לאקאלע און ראיאנישע רעגירונג און שותפים און די אלגעמיינע פובליק צו שטעלן אין פראגע נישט ריכטיגע ציפערן אין די פעדעראלע קאמיוניקאציע קאמיסיע'ס נאציאנאלע אינטערנעט מאפע וואס וועט קלוגער מאכן די סטעיט'ס עמטליכע חלק פון די IIJA געלטער. ConnectAll האט לעצטנס אריינגעגעבן א פארגעשלאגענע פאררעכטונג פאר איבער 31,000 ניו יארקע אדרעסן וואס זענען נישט אריינגעלייגט געווארן אין די פעדעראלע מאפע, נעמנדיג ציפערן פון די סטעיט'ס סאמע ערשטע גרונטליכע לעבעדיגע אינטערנעט סערוויס מאפע וואס איז פראדוצירט געווארן דורך די דעפארטמענטן פון פובליק סערוויס.
- **באקאנטמאכונג פון די אפאָרדעבעל קאנעקטיוויטי פראגראם אינטערנעט סערוויס סאבסידי:** גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט אז איבער 1 מיליאן ניו יארקע פאמיליעס האבן זיך איינגעשריבן אין דעם פראגראם, א דאנק – אין גרויסן טייל – צו אן אנגייענדע, מולטי-אגענטורישע און קאמיוניטי באמיאונג צו פארמערן אויפמערקזאמקייט איבער די געלעגנהייט צו באקומען א אינטערנעט סערוויס סאָבסידי פון $30 א חודש פאר הויזגעזינדער מיט נידעריגערע איינקונפט.

פאר מער אינפארמאציע און נייעס איבער ConnectAll, באזוכט ביטע [www.broadband.ny.gov](http://www.broadband.ny.gov).

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״ איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418